# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ | שנת תשע"א לפ"ק


## מילי דחסידא

**והתברך בלבבו לאמר וגו'**: דער רבי בעל דברי יואל זי"ע טייטשט דעם פסוק ע"ד צחות, ווייל היינטיגע צייטן איז ליידער אזוי דער מצב אז ווען עס זענען דא ערליכע אידן וואס ווילן זיך פירן על דרך התורה און זיין אפגעטיילט פון די רשעים, און זיי זענען לוחם קעגן די רשעים ווייל זיי ווילן נישט ווערן אריינגעכאפט אין זייער נעץ, הייבט מען אן צו פארפירן קעגן זיי, און מ'זאגט אז זיי זענען סתם בעלי מחלוקת און זיי ווילן מאכן א פירוד צווישן אידן. און זיי פאררופן זיך אויף 'גדול השלום' און זיי שרייען אז מ'טאר נישט מאכן קיין מחלוקת. און נישט נאר וואס זיי שטעלן זיך נישט צום אמת, נאר זיי זענען נאך לוחם קעגן דעם.

זאגט דער רבי אז היינטיגע צייטן זעהן מיר בחוש ווי עס זענען דא פארשידענע פארטייען וואס פאררופן זיך אויף די תורה, יעדער פון זיי שרייט אז זיי מיינען נאר דעם אמת, אבער באמת זענען זיי זייער ווייט דערפון כרחוק מזרח ממערב, און זיי קרעכצן ארום אויף דעם וואס די אידן זענען צוטיילט, און זיי טענה'ען אז מ'וואלט ווען געדארפט מער פאראייניגן די אידן. אבער דער אמת איז נישט אזוי ווייל פון די אידן וואס האבן איבערגעלאזט דעם דרך התורה, און זיי גייען אויף נייע פארקראכענע וועגן דארף מען זיך אפטיילן. און דוקא דאס וואס מ'טיילט זיך אפ פון זיי דאס איז דער גרעסטער תיקון.

דאס זאגט דער פסוק **והתברך בלבבו לאמר שלום יהיה לי**, די רשעים וואס ווילן דינען עבודה זרה און טון אלעס וואס זייער הארץ באגערט קומען גאר מיט א טענה פון 'שלום', זיי ווילן נאר שלום און אחדות, און די ערליכע אידן זיי זענען די וואס זענען גורם מחלוקת, ממילא זאגן זיי **בשרירות לבי אלך**, אז מ'קען טון וואס מ'וויל, דער עיקר איז נאר נישט צו מאכן קיין מחלוקת. פירט דער רבי אויס "מ'דארף נישט האבן קיין שום ראי' און קיין בחור אז דאס אלעס איז נארישקייטן און טפשות עצת היצר, און דער וואס טענה'עט אזוי ווייסט אליין אז ער איז נישט גערעכט, און ער אליינס גלייבט אויך נישט אין זיינע ווערטער, ער זאגט נאר אזוי כדי ער זאל קענען נאכגיין זיין יצר הרע און טון וואס אים גלוסט".

## דרש דרש

**הנך שוכב אם אבותיך וקם העם הזה וזנה:**

די גמרא (סנהדרין דף צ' ע"ב) דערציילט שאלו רומיים את ר' יהושע בן חנני' מנין שהקב"ה מחי' מתים, ויודע מה שעתיד להיות אמר להו תרווייהו מן המקרא הזה שנאמר ויאמר ה' אל משה הנך שוכב עם אבותיך וק"ם, וקם העם הזה וזנה, אמרו לי' ודילמא וקם העם הזה וזנה (היינו דוקם לא קאי ארישא) אמר להו נקוטו מיהא פלגא בידייכו דיודע מה שעתיד להיות.

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס ער האט זיי געזאגט נקוטו מיהא פלגא בידייכו, זיי האבן דאך געפרעגט פון אים צוויי שאלות, און ער האט זיי נאר געענטפערט אויף איינס, און ס'זעהט ח"ו אויס ווי כאילו זייער קשיא אויף תחיית המתים איז געבליבן שווער, וצ"ב.

## מעשה רב

**ווער דארף פאסטן?**

אין די טעג זענען דא מערערע זמנים ווען עס איז דא אן ענין צו פאסטן, ווי ער"ח אלול, א' סליחות, ערב ראש השנה, י"ג מידות, וכדומה.

עס האט דערציילט הגה"צ רבי שלמה זלמן פריעדמאן זצ"ל דער ראחוב'ער רב ווען דער רבי בעל דברי יואל זי"ע איז געווען א קליין קינד האט ער געפאסט אין די טעג, וועלנדיג זיך פירן מיט אלע עניני תשובה אזוי ווי די גרויסע מענטשן, אבער זיין טאטע דער הייליגער קדושת יו"ט זי"ע האט געהאלטן אז א קליין קינד דארף עסן געהעריג, און ווען ער וועט עלטער ווערן וועט ער זיך פירן מיט די מנהגים וואס ווערן געברענגט אין די ספרים הקדושים.

ווען דער קדושת יו"ט האט אין איינע פון די טעג געזעהן ווי דער רבי עסט נישט האט ער אים געפרעגט "יואל'יש, פארוואס עסטו נישט?" האט דער רבי געענטפערט מיט תמימות: "ווייל איך טו תשובה אויף מיינע עבירות".

האט דער קדושת יו"ט זי"ע גענומען א מחזור און אויפגעמישט צו די תפלה פון "ונתנה תוקף" ביי מוסף און אים געוויזן ווי די דריי ווערטער "ותשובה ותפלה וצדקה" שטייט מיט גאר גרויסע ווערטער, דאס מיינט צו זאגן אז נאר גרויסע מענטשן דארפן פאסטן און תשובה טוהן, אבער קליינע קינדער דארפן עסן געהעריג.

דער רבי האט אבער באלד געוויזן פאר זיין טאטן אז אונטער דעם שטייט מיט קלענערע ווערטער "צום, קול, ממון" וואס דאס צייגט אז אפילו הלליינע קינדער דארפן אויך פאסטן...

ענטפערט דער הייליגער **דברי חיים זי"ע** ווייל באמת זאגט דאך די גמרא (שם דף צ"א ע"א) אז תחיית המתים לערנט מען ארויס פון א קל וחומר, מה-דאך די וואס זענען נאכנישט געבוירן געווארן און זענען נאך קיינמאל נישט געווען אויף די וועלט ווערן פריש באשאפן, איז דאך זיכער אז די וואס זענען שוין געווען אויף די וועלט קענען זיכער נאכאמאל באשאפן ווערן.

לכאורה קען מען אבער אפפרעגן די קל וחומר, ווייל ס'קען זיין אז דער אייבערשטער האט דאס ערשטע מאל באשאפן דעם מענטש מיינענדיג אז ער וועט זיין ערליך און ער וועט טון דעם רצון ה', אבער ווען ער האט געזעהן אז ער פירט זיך נישט ערליך וויל ער אים שוין נישט נאכאמאל אראפברענגען אויף די וועלט. דאס איז אבער נישט ריכטיג, ווייל וויבאלד דער רבש"ע איז א יודע עתידות, און ער ווייסט פון פאראויס ווי אזוי די מענטשן וועלן זיך אויפפירן, און דאך האט ער זיי באשאפן, איז דאס יא א גוטע קל וחומר.

דאס האט ער זיי געענטפערט **נקוטו מיהא פלגא בידייכו שהקב"ה יודע עתידות**, ממילא איז שוין פון זיך אליין געדרינגען תחיית המתים מכח דעם קל וחומר.

## בפרדס החודש

### אמירת תהילים בחודש אלול

מ'פירט זיך צוזאגן א יעדן פון חודש אלול טאג 10 קאפיטלעך **תהלים**, כדי מ'זאל ענדיגן אין חודש אלול 2 מאל דעם ספר **תהלים**.

דער טעם ווערט געברענגט אין **ספרי מוסר** ווייל אין ספר תהלים זענען דא ק"נ, 150 קאפיטלעך, און צוויי מאל ק"נ 150 באטרעפט 300. אזויפיל וויפיל דאסווארט **כפ"ר** (זיי מוחל), א רמז, אז אויב מען זאגט תהלים איז דער אייבערשטער מוחל אלע עבירות.

אויסער דעם האט **תהלים** געוואלדיגע כוחות און סגולות, אז אלע שלעכטע מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן דורך עבירות זאלן פארשניטן ווערן. אויך איז תהלים זאגן א סגולה אז מ'זאל ניצול ווערן פון אלע שלעכטע גזירות וואס קומען אויף די וועלט.

דער **הייליגער רבי ר' זושא מאניפאלי זי"ע** האט געטייטשט דעם פסוק אין תהלים **מי ימלל גבורות ה' ישמיע כל תהלתו, ימל"ל** איז א לשון פון ברעקלען, ווי די גמרא זאגט **'מוללין מלילות'** וואס דאס מיינט צוברעקלען, **מי ימל"ל גבורות ה'**, ווען איינער וויל צוברעקלען די גבורות און די דינים פונעם אייבערשטן, ישמיע כל תהילתו, זאל ער אויסזאגן דעם גאנצן תהלים וואס די סגולה דערפון איז זייער גרויס צו פארשניידן אלע שלעכטע גזירות.

אויסער דעם ווערט געברענגט אין **פרקי דרבי אליעזר**, אז תהלים האט א ספעציעלע שייכות מיט תקיעת שופר, ווי עס שטייט (פרק ל"א) "פון דעם איל וואס אברהם אבינו האט מקריב געווען אנשטאט יצחק אבינו ביי די עקידה איז אלעס גענוצט געווארן, פון אירע 10 אדערן האט דוד המלך געמאכט די 10 פעדימער פאר זיין פידל מיט וואס ער פלעגט זינגען די מזמורים צום באשעפער".

דער **שינאווער רב זי"ע** שרייבט אין ספה"ק **דברי יחזקאל**: אז די ר"ת פון די ווערטער **ש'מות ב'ני י'שראל ה'באים מ'צרימה, איז השבי"ם**. און די ס"ת פון די ווערטער **שמו'ת בנ'י ישרא'ל הבאי'ם מצרימ'ה, איז תהלי"ם**, ווייל דער ספר תהלים איז א סגולה צו תשובה.

**א כתיבה וחתימה טובה!**

## משלי היום

משלים נאים בענייני ימי הרחמים והסליחות

*

**פארוואס פירט מען זיך צו זאגן סליחות?**

עס איז געווען אמאל א מענטש וואס האט געדינגען א דירה ביי א צווייטן מענטש, און ער האט אפגעשמועסט אז איינמאל א יאר וועט ער אים באצאלן די 'רענט' אויפן יאר, יענעם טאג פלעגט דער בעה"ב אריבערקומען און באטראכטן די גאנצע דירה, צי עס זענען נישט געשעהן קיין שאדנס, און נאר ווען ער איז געווען צופרידן און אלעס איז געווען לויט זיין געשמאק האט ער פארלענגערט דעם 'ליעס' מיט נאך א יאר. אזוי האט אנגעהאלטן דער סדר לאנגע יארן.

ביז איין יאר האט ער געליטן שווערע שאדענס, און ווען עס איז געקומען צו באצאלן די 'רענט' האט ער געהאט זייער ווייניג געלט, אויסער דעם האט ער היי יאר געמאכט פארשידענע שינויים אין די דירה און זי איז שטארק געשעדיגט געווארן, און אויב איז דאס נישט גענוג געווען איז ער געוואויר געווארן אז עס זענען דא מענטשן וואס לייגן א אויג אויף די דירה, און זיי ווילן דאס איבערנעמען, און זיי שטייען און רייצן אויף דעם בעל הבית קעגן אים, זאגענדיג אז זיי זענען גרייט צו צאלן מער.

ער האט געוואוסט אז אויב וועט ער יעצטווארטן אויפן "עצם היום" דאן איז ער אויף גרויסע צרות, און דער בעה"ב וועט אים בלי ספק משלח זיין מיט טענות, קולות און בזיונות עצומות.

איז ער געגאנגען עטליכע טעג פריער צום בעה"ב, מיט א צובראכן קול און א געוויין האט ער אים דערציילט זיין שווערן מצב, און אלעס וואס איז אויף אים אריבערגעגאנגען, און ער האט זיך געבעטן צום בעה"ב אז ער זאל אויף אים רחמנות האבן און ער זאל אים לאזן באצאלן דעם חוב צוביסלעך, און געבן א געלעגנהייט צו פאררעכטן די שאדנס וואס עס זענען געשעהן אין די דירה.

זאגט **הגאון רבי אברהם בעריש פלאם זצ"ל מ"מ בק"ק מעזריטש לובלין** א תלמיד פונעם דובנער מגיד אז דאס איז דער טעם פארוואס מען שטייט אויף צו סליחות, וויבאלד מען ווייסט אז עס איז נישט גוט דער מצב, מען האט געזינדיגט, און עס זענען דא מקטריגים קעגן אים, ווארט מען נישט אויף קיין כבוד, ווייל דעמאלטס איז שוין זייער ערענסט, דעריבער לויפט מען פאראויס און מען איז מקדים תפלה לצרה, און מען בעט זיך ביים אייבערשטן אז ער זאל מוחל זיין, און מען זאגט צו אז מען וועט זיך שוין פארבעסערן.